**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג אפריל אלץ סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש**

***ווייזט אן אז די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין בלוי-גרין היינט נאכט, אפריל 1, צו אנערקענען איבערלעבער***

***ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים וועט אפהאלטן וועכנטליכע 'די אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן' טרעינירונג; אינסטאלאציע אין אנערקענונג פון 'דענים דעי'***

***לייענט פראקלאמאציע דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנערקענט אפריל אלץ דעם 'סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש' אין ניו יארק סטעיט, ארויסגיבנדיג א פראקלאמאציע און אנווייזנדיג אז 12 פון די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין בלוי-גרין היינט נאכט, אפריל 1, אין עהרע פון איבערלעבער. קומענדיג אין די זעלבע צייט מיט די פראקלאמאציע, וועט די סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים (Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) דורכפירן וועכנטליכע 'אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן' (Sexual Violence 101) טרעינירונגען, און זי וועט ארבעטן צוזאמען מיט די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) צו אויפשטעלן אן אויסשטעלונג צו אנערקענען די ערפארונגען פון איבערלעבער און אנערקענען די אינטערנאציאנאלע 'דענים טאג'.

"אויסראטן סעקסועלע אנגרייפן הויבט זיך אן מיטן טוישן די קולטור, ארויסברענגען די וויכטיגקייט פון די אנגעלעגנהייטן און שטיצן איבערלעבער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר צייכענען אפ דעם סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש אין אפריל, מוזן מיר פארזעצן צו באפולמעכטיגן איבערלעבער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, זיי מוטיגנדיג צו נוצן זייערע שטימעס צו אנהויבן שמועסן אריבער די גאנצע קאמיוניטי, און למעשה צו האלטן זייערע אביוזערס פאראנטווארטליך."

**אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָוועגס, האט געזאגט,** "סעקסועלע געוואלדטאטן באטרעפן מענטשן פון אלע שיכטן און קרייזן. עס איז העכסט וויכטיג אז מיר זאלן אננעמען א צוגאנג צו סעקסועלע געוואלדטאטן פון די איבערלעבער'ס קוק ווינקל, קאנצענטרירט אויף טראומע און אויף א וועג וואס איז קולטוריש צוגעפאסט. מיר, ביי די OPDV, פארשטייען די וויכטיגקייט פון דעם אז איבערלעבער זאלן מיטטיילן זייערע געשיכטעס פון שטאנדהאפטיגקייט און היילונג, אין זייערע אייגענע ווערטער, אין די צייט ווען זיי פילן גרייט דערפאר, און מיר זענען שטאלץ צו העלפן זייערע שטימעס ווערן דערהערט. א דאנק אייך, גאווערנער האקול,

פארן פראקלאמירן אפריל אלץ דעם סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש און פארן שטיצן איבערלעבער פון סעקסועלע אנגרייף און פון אלע דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן."

די OPDV וועט אפהאלטן '[די אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן](#)', א שעה-לאנגע ווירטואלע טרענירונג קלאס פאר איינגעשטעלטע, סופערוויזארס און אדמיניסטראטארן וועלכע ארבעטן אין לאקאלע דיסטריקטס, פריוואטע נאָן-פראפיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען און אנדערע פראפעסיאנאלן וועלכע העלפן איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע און סעקסועלע געוואלדטאטן. די אינטערנעט-באזירטע טרענירונג איז א יסודות'דיגע ארייננפיר צו דזשענדער-באזירטע און סעקסועלע געוואלדטאטן, ארייננרעכענענדיג פונקטליכע אויסטייטשונגען פון טערמינען, אויסקלארן וואס פונקטליך ווערט פאררעכנט אלץ צושטימונג און אזוי אויך סטאטיסטיקס.

די אגענטור וועט אויך אנערקענען די אינטערנאציאנאלע 'דענים טאג' דורכן אפהאלטן אן אויסשטעלונג צו באעהרן די ערפארונגען פון איבערלעבער, זיך קאנצעטרירנדיג אויף שטאנדהאפטיגקייט און אויף זייער היילונג רייזע. אינטערנאציאנאלע דענים טאג איז אוועקגעשטעלט געווארן אין עהרע פון אן 18-יעריגע איבערלעבער פון א סעקסועלע אנגרייף וועמען'ס אטאקירער – איר דרייווינג אינסטראקטאר – האט מצליח געווען צו מבטל זיין באשולדיגונג דורכן טענה'ן אז ער וואלט נישט געקענט אראפנעמען איר 'דזשינס' הויזן אן איר הילף.

די אורטייל האט אונטערגעצינדן אלוועלטליכע פראטעסטן, פרויען ארום די וועלט האבן זיך באוויזן ביים ארבעט טראגנדיג דענים 'דזשינס' אלץ א צייכן פון רעספעקט. די אינסטאלירטע אויסשטעלונג ביי די עמפייער סטעיט פלאזא פאסאנזשירן זאל וועט גיבן אינפארמאציע איבער לאקאלע סערוויס פראָווײדערס און עס וועט דערציילן געשיכטעס פון שטאנדהאפטיגקייט פון איבערלעבער פון סעקסועלע אנגרייפן, און עס וועט שטיין פון אפריל 25 ביז אפריל 27.

גאווערנער האקול האט אויך אנגעוויזן אז 12 פון די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש. די וויכטיגע סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן היינט נאכט, אפריל 1, רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג צו פארשפרייטן די באקאנטשאפט פון- און אדרעסירן די סטיגמע וואס ווערט אפט צוגעקלעבט צו קורבנות פון סעקסועלע אנגרייפן און צו באמת טוישן מענטשן'ס לעבנס. דאס איז די

סיבה פארוואס די העלט דעפּארטמענט האט אויפגעשטעלט די סטעיט'ס סעקסועלע אנגרייף באווייזן אונטערזוכונג (Sexual Assault Forensic Examiner) פראגראם ביי דעזיגנירטע שפיטעלער צו פארזיכערן אז סעקסועלע אנגרייף פאציענטן באקומען ספעציאליזירטע עמפאטישע און מיטפילנדע קעיר און שנעלע, רעספעקטפולע באהאנדלונג."

**אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services, OVS) דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "דורכאויס דעם חודש אפריל האלטן מיר אפ סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש, און מיר אנערקענען די השפעה וואס א סעקסועלע אנגרייף האט אויף קורבנות און די וועגן וויאזוי מיר קענען שטיצן איבערלעבער אין די צייט ווען זיי שווייצן דורך די טראומע וואס זיי האבן איבערגעלעבט. עס קומט זיך פאר איבערלעבער צו לעבן זייערע לעבנס פאר זיך אליין, פריי פון די וואג פון זייער אנגרייף, און די OVS איז שטאלץ צו צושטעלן די מיטלען און סערוויסעס אזוי ווי זיי היילן זיך. מיר זענען דאנקבאר פארן האבן א קעמפערין אין גאווערנער האקול וואס שטיצט די ארבעט פון די אפיס פון קורבנות סערוויסעס."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "כאטש די קורבנות פון באריכטעטע סעקסועלע געוואלדטאטן זענען אפטער פרויען און מיידלעך, קען יעדער איינער אריבערגיין א סעקסועלע אנגרייף, אפגעזעהן פון זייער דזשענדער אידענטיטעט אדער סעקסועלע אריענטאציע. עס דערפריידט אונז זיך אנצושליסן מיט גאווערנער האקול און מיט אונזערע סטעיט שותפים ביים אפהאלטן סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש און ביים העלפן העכערן די שטימעס פון איבערלעבער פון סעקסועלע געוואלדטאטן."

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג צו אנערקענען ווי פארשפרייט סעקסועלע אנגרייפן און דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן זענען אין אונזער געזעלשאפט, באזונדערס אין די צייט וואס מיר ארבעטן דאס צו פארמיידן. דעם חודש באערהרן מיר קורבנות און איבערלעבער אלץ מוסטערן פון שטארקייט, און אלץ מענטשן זאלן מיר ארויפקוקן אויף זיי פאר זייער קוראזש און פעסטקייט. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער אנגייענדע שותפות אין אונזער באמיאונג צו אויסראטן די געוואלדטעטיגע פארברעכנס איינמאל פאר אלעמאל."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) צייטווייליגע קאמישאנער, סוזען מיילס-גוסטאַוו, האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיך צו שטיין צוזאמען מיט גאווערנער האקול צו ווידערהאלן ניו יארק סטעיט'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו שטיצן איבערלעבער פון א סעקסועלע אנגרייף. איך אפלאדיר אויך אונזערע שותפים פון די OPDV פארן צושטעלן די גאר-וויכטיגע טרענירונג און פארן צושטעלן א פלאטפארמע פאר אונזערע איבערלעבער צו דערהערט ווערן ווי עס איז באקוועם פאר זיי און א וועג וואס איז אזוי שטארק מעורר די מחשבות. נאר דורכן לערנען פון זייערע ערפארונגען און דורכן אנערקענען זייער העלדישקייט קענען מיר אינגאנצן פארשטיין וויאזוי צו נאכקומען זייערע באדערפענישן און העלפן אויסהיילן זייער טראומע. סעקסועלע געוואלדטאטן קענען געשעהן אין פילע וועגן, אריינגערעכענענדיג אביוז אינדערהיים קעגן קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער. דורכאויס אפריל און דורכאויס יעדע חודש איז די OCFS שטאלץ צו אויפזעהן עטליכע פראגראמען וועלכע מוטיגן איבערלעבער פון אביוז אינדערהיים צו פילן באשיצ, ארומגענומען און באפולמעכטיגט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן